


**לא תגע בו יד:**

# האַרצרייסנדער רוף פון גדולי התורה באַרה"ב צו רעגירונג פון ליטע אָפּצושטעלן שענדליכע פּלענער אין ווילנער בית החיים האָט מעכטיגן אָפּרוף

דער היסטאָרישער רוף פון גדולי הרבנים און זקני גדולי ראשי הישיבות, פירער פון אָרטאָדאָקסישן צבור אין אַמעריקע, וועלכע האָבן זיך געוואָנדן מיט אַ דרינגליכע אויפפאָדערונג צו די רעגירונג פון ליטע, אפצושטעלן און גענצליך אַנולירן אַלע זייערע פּלענער צו באַנוצן דעם ביה"ח פאַר אנדערע צוועקן, האָט געלאָזט אַ מעכטיגן רושם אין די אידישע וועלט, און געצוואונגען די רעגירונג פון ליטע זיך צו פאַרענטפערן און פּרובירן צו פאַרווישן דעם ערשיטערנדן איינדרוק פון דעם קרימינאַלן אַקט, וואָס זיי פּלאַנען דורכצוזעצן, צו פאַרוואַנדלען דעם הייליגן וועלט באַרימטן מקום קדוש ונורא צו אַ פאַרוויילונג אָרט פאַר גויים, וועלכע ח"ו וועלן צעטרעטן די הייליגע ערד פון טויזנטער קברי צדיקים קדמונים, און טאַנצן און הוליען אין דעם "אתר זיקוקין דנורא ובעורין דאישא" אַריינגערעכנט אַ חלקה פון ל"ו צדיקים אין וועלכע ישראל קדושים האָבן זיך נישט געוואַגט צו דערנענטערן ווי הגאון הישיש ר' מיכל יודא ליפקאָוויטץ זצ"ל האָט עדות געזאָגט אין זיין בריוו.

עס האַנדלט זיך וועגן בייזוויליגע פּלענער צו באַנייען און איבערבויען דעם רואינירטן "ספּאָרט פּאַלאַץ" וועלכער שטייט פּוסט אין הארץ פונעם אור אלטן היסטארישן שניפישעק בית עלמין. דער ווייַ געשריי פון גדולי ישראל קומט נאָכדעם וואָס די רעגירונג פון ליטע און דער ווילנער שטאט ראט האָבן אַנאָנסירט אַ דעטאַלירטן פּלאַן איבערצובויען די ליידיגע געביידע און דאָס פאַרוואנדלען צו אַ ריזיגן קאָנצערט האָל, אַ פלאַץ פון פאַרזאַמלונגען און הוללות פאָרשטעלונגען פאַר הונדערט טויזנטער טוריסטן.

אויף דעם ענגלישן בריוו וועלכער איז געשיקט געוואָרן צו די ליטע און אַמעריקאַנער רעגירונגען צו גלייך, האָבן גע'חתמ'עט די מנהיגים פון יהדות החרדית אין אַמעריקע הגאונים הגדולים רבי אהרן שעכטער ראש ישיבה רבי חיים בערלין, רבי דוד פיינשטיין מתיבתא תפארת ירושלים, רבי יוסף ראָזענבלום שערי יושר, רבי שמואל קאמינעצקי ישיבה פילדעלפיא, רבי ארי' מלכיאל קאָטלער בית מדרש גבוה דלעיקוואוד, רבי אלי' בער וואַכטפויגעל ישיבה זכרון משה סאוט פאלסבורג, רבי משה גרין ישיבה דמאנסי, רבי אהרן פעלדמאן ישיבה נר ישראל, רבי אשר קאלמאנאוויץ ישיבת מיר, רבי ראובן פיינשטיין מתיבתא תפארת ירושלים דסטעטן איילענד, רבי חיים דוד קעללער ישיבת טעלז שיקאגא, רבי משה בראון אגודת ישראל דוועסט לארענס.

די רבנים האבן זיך גלייכצייטיג געוואָנדן צום אמעריקאנער צבור מיט אַ האַרצרייסענדן בריוו זיך אָנצושטרענגען און קומען צו הילף משפיע צו זיין אויף די באטרעפנדע אינסטאַנצן זיך גענצליך צוריקצוציען פון יעדן פלאן פון צורירן דעם בית החיים "בדבר שמועה לא טובה כי באה על תכניות שלטונות ליטא ועירית וילנא לחדש את השימוש בבניני הספורט... קאנצערט האל.... בשטח בית העלמין הקדוש העתיק בווילנא... ובו נטמנו רבים מגדולי ישראל... שרפי מעלה שמימיהם אנו שותים... ובתוכם הגאון באר הגולה, משפחת הגר"א ותלמידיו הגאונים, רבי זלמלע וואַלאָזשינער, הגאון יעקב, החיי אדם, ועוד.

אין דעם בריוו דערקענט זיך דער טיפער חרדת קודש און פחד וועגן די געפּלאַנטע חילול הקודש פון אַזאַ מקום קדוש ונורא. די גדולים פאַררופן זיך אויף אַ ריי מכתבי קודש פון

[פאָרזעצונג אויף זייט 14]

**חילול ד' איום ונורא:**

## פאָרזיצערן (ראש הקהל'טע) פון ווילנא אידישע געמיינדע זאָגט אָפּ דעם הויפּט רב צוליב זיין אומבויגזאַמע שטעלונג אין שניפישעק ביה"ח

גרויס אויפברויז אין די אידישע קהלה אין ווילנא און ביי אידן אין חו"ל, האָט אַרויסגערופן די אומגלויבליכע נייעס, וועלכע האָט אויפגעריסן ווי אַ מעכטיגע באָמבע, אַז דער הויפּט רב פון ליטע הרב חיים בורשטיין שליט"א איז די וואָך אָפּגעהאלטן געוואָרן ביי דורכפאָרן ביי די גרעניץ פון ליטא דורך די אויטאָריטעטן, וועלכע האָבן אים צואוויסן געטון אַז זיי הייבן מעגליך אָן אַ דעפּאָרטאַציע פּראָצעס אים אַרויסצושיקן פון ליטע, צוליב זיין אומערלעדיגטע אימיגראַציע סטאַטוס.

אין דער זעלבער צייט זענען פאַרשטאַרקערט געוואָרן די נאָכאַנאַנדע רדיפות קעגן הרב בורשטיין שליט"א דורך די פאָרזיצערין פון ווילנער אידישע געמיינדע פאיינע קאַקלינסקי.

[פאָרזעצונג אויף זייט 14]

קול קורא להצלה וזעקת כאב מאת זקני גדולי ראשי הישיבות שליט"א על מצב בית העלמין הישן בווילנא שהשלטונות זוממים לחדש בו אתר הוללות ענקי, היל"ת.

בעזהי"ת

חודש מנחם אב תשע"ה לפ"ק

באנו בשורות אלו להביע את חרדתנו, בדבר שמועה לא טובה כי באה על תכניות שלטונות מדינת ליטא ועירית ווילנא לחדש את השימוש בבניני הספורט ובבנין הבילויים השומם "קאנצערט האל" שהקימו הקאמוניסטים בשטח בית העלמין הקדוש העתיק בוילנא ששימש משך למעלה מארבע מאות שנה כמקום הקבורה היחיד בעיר גדולה לאלקים זו, ובו נטמנו רבים מגדולי ישראל לדורותם, קדושי עליון שרפי מעלה שמימיהם אנו שותים ומפיהם אנו חיים, אשר רבו מלספור ובתוכם הגאון בעל באר הגולה, משפחת הגר"א ותלמידיו הגאונים, רבי זלמ'ע ווַאלוז'ינער, הגאון יעקב, החיי אדם, זי"ע.

ולא עוד אלא שהשלטונות הקצו לכך הון רב ועצום לשיפוץ המבנים הנטושים והרעועים מחמת יושנם, מה שמלמד על תכניות העלולות בוודאות להרחיב ח"ו את מימדי הפגיעה בבית חיים קדוש וקדום זה.

ואיככה נוכל לראות כבלע את הקודש ולהחריש אל מול הפיכת מקום קדוש ונורא אשר כזה למרכז אדיר של הוללות וקלות ראש אשר יש בזה בזיון נורא וחילול הקודש. ופשוט וברור כי כל בית הקברות בכל גבולו הישן המקורי בקדושתו הוא עומד. וכבר הרעיש בזה מרן הגרח"ע זלה"ה באגרותיו הרבים שהריץ למען הצלת בית החיים דווילנא והכריע שאין מקום וסמכות להתפשר בזה כלל ועיקר.

והננו קוראים לכל מי שבידו להשתדל בכל מה דאפשר שיגיע לאוזני רשויות ליטא גודל כאב וזעקת כלל ישראל נוכח תכנית בזיון וחילול המקום הקדוש, כי גדול הכאב מאד, ולדרוש מהם שלא יגעו בבית החיים, ולהשיב כבודו כמקדם. ואשרי למי שיתאמץ להצלת ביה"ח הקדוש הזה חמדת ישראל, כמאמר הכתוב: "לקדושים אשר בארץ המה ואדירי כל חפצי בם". וזכות ישני עפר קדושי ווילנא ימליצו טוב בעד כל המסייעים להצלת מנוחת כבודם, ובמהרה נזכה לתחה"מ ולביאת משיח צדקנו אכי"ר.

אהרן משה שכטר
ישיבה ומתיבתא רבינו חיים ברלין

דוד פיינשטיין
מתיבתא תפארת ירושלים

יוסף רוזנבלום
ישיבת שערי יושר

שמואל קמינצקי
ישיבת פילדלפיא

ארי' מלכיאל קוטלער
בית מדרש גבוה לייקוואוד

אלי' דוב וכטפוגל
ישיבת זכרון משה סאוט פאלסבורג

משה גרין
ישיבה ד'מאנסי

אהרן פעלדמאן
ישיבת נר ישראל

אשר קאלמאנאוויץ
ישיבת מיר

ראובן פיינשטיין
מתיבתא תפארת ירושלים - סטעטן איילנד

חיים דוב קעללער
ישיבת טעלז שיקאגא

משה בראון
אגודת ישראל ד'וועסט לארענס

Beth Din (Court) of Cong. Yetev Lev D'Satmar

בית דין צדק דקהל יטב לב ד'סאטמאר.

הגה"צ רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאן שליט"א ראב"ד

הרה"צ רבי שלמה יהודא וויינבערגער שליט"א חבר הבד"צ — הרה"צ רבי יקותיאל יהודא פלאנט שליט"א חבר הבד"צ — הרה"צ רבי חיים דוד כ"ץ שליט"א חבר הבד"צ

בס"ד

### קריאה קדושה

יום ב' לס' מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל

מאד יחרד לבנו כשמענו כי ממשלת מדינת ליטא עומדת להתקין בבנין נטוש ושומם בלב בית החיים העתיק בווילנא מקום כינוסים והוללות ולהשקיע בו הון רב כדי שיהיה מקום משיכה להמונים ממדינתם ומרחבי העולם.

והלא איסור זה מבואר בשו"ע יו"ד סי' שס"ח שיש בכך צער ובזיון נורא לנפטרים הטמונים בכל הביה"ח , ובפת"ש שם הביא משו"ת חת"ס יו"ד סי' של"ה שלא בלבד מקום שכבר קברו בו אלא כל השטח שנתקדש לביה"ח אסור בהנאה ואסור להשתמש בו שום תשמיש חול, דמחלל קדושת וכבוד ביה"ח והפוסקים האריכו בגודל החיוב המוטל על הצבור לעשות מה שבידם למנוע מהגויים מלעשות כן בבית החיים. (עיי"ש בפת"ש משו"ת שיבת ציון סי' ס"ב בארוכה) ופשיטא שבית החיים זה של עיר ואם בישראל כזאת שבה טמונים רבותינו הקדמונים שבית ישראל הולך לאור תורתם ומפיהם אנו חיים, שהאחריות מוטלת על כלל ישראל בכל מקום לעשות כל טצדקי לזעוק אל השלטונות להמנע מלחלל את המקום הקדוש הזה, ולעשות כל מיני השתדלות הראוי אצל המדינות שהם דרים בהם שלא יתנו יד לסייע בחילול מבחר קברינו, כי בנפשנו הוא.

וכל מי שבידו לפעול להצלת המקום הקדוש הזה ולהחזרת כל בית החיים הזה בגבולו הראשון בשלימות לידי כלל ישראל לגדרו ולשמרו ולהחזיר כבודו כבתחלה, יבורך מפי עליון ויעמוד לו זכות קדושי עליון רבותינו הק' הטמונים שם, וימליצו טוב בעדו.

והננו פונים לממשלת ליטא ולממשלת ארה"ב אשר בצלה אנו חוסים, הצילו את מקום מנוחת אבותינו הקדמונים אשר הם הזכרון היחידי שנותר לנו מהחורבן הנורא בו נעקדו שש מאות רבוא הקדושים שהיו לאפר ולא באו לקבר ישראל. ואליהם אנו נושאים נפשנו לשפוך שיח לפני השי"ת במקומות הקדושים, ולהזכיר את זכרון הקדושים הי"ד. ואנו מתחננים אנא חוסו נא ואל תתנו יד להחריבם ולחללם. ותהיה זאת תפארתכם כשתחזירו את העושק לעמנו הנדכה והשבור, והבאתם עליכם ברכה.

ג"א הנני מצטרף לדבריהם הברורים של הביד"צ שליט"א, על השמועה הנוראה כי באה לחלל קדושת ביה"ח בווילנא מנו"כ שרפי מעלה, ובמר נפשי אקרא לכל שבידו להשתדל ולפעול להחזרת ביה"ח בשלימותו בכל גבולו מסביב, ויבורכו מפי עליון כל העושים והמעשים, ויקויים הפסוק לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי וגו',

# האַרצרייסנדער רוף פון גדולי התורה בארה"ב צו רעגירונג פון ליטע אָפּצושטעלן שענדליכע פּלענער אין ווילנער בית החיים האָט מעכטיגן אָפּרוף

[פאָרזעצונג פון זייט 9]

הגאון האדיר רשכבה"ג רבי חיים עוזר זי"ע וועלכער האָט אין יאָר תרצ"ה געקעמפט מיט אַלע כוחות קעגן פלענער צו פאַרשווועכן דעם זעלביגן "שניפּישאָק" בית החיים. גדולי ישראל שליט"א ציטירן פון די בריוו פון דעם וועלט בארימטן פוסק הדור בימיו הגרח"ע גראָדזענסקי זי"ע וועלכער שרייבט מיט גרויס שאַרפקייט קעגן סיי וועלכן קאָמפּראָמיס וועלכן די מאָדערנע קרייזן האָבן באַטראַכט, און זיי שרייבן "ופשוט וברור כי כל בית הקברות בכל גבולו הישן המקורי בקדושתו הוא עומד. וכבר הרעיש בזה מרן הגרח"ע זלה"ה באגרותיו הרבים שהריץ למען הצלת בית החיים דווילנא והכריע שאין מקום וסמכות להתפשר בזה כלל ועיקר"..

מיט אַ פּאַרווייטאָגטן גאָר שטורמישן קול קורא איז אַרויס דער בית דין צדק דקהל יטב לב דסאַטמאַר, דער ראב"ד הגאון הגדול רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאַן שליט"א און בית דינו הצדק שליט"א וועלכע ציטירן מקורות להלכה אַז אַזא מקום הוללות וואָס ליטע פּלאַנט אין ווילנער ביה"ח איז אַ צער און בזיון נורא פאַר אלע נפטרים וועלכע זענען באַהאַלטן אין דעם גאַנצן ביה"ח. און פירן אויס "ופשיטא שביה"ח זה של עיר ואם בישראל שבה טמונים רבותינו הקדמונים שבית ישראל הולך לאור תורתם... שהאחריות מוטלת על כלל ישראל בכל מקום לעשות כל טצדקי... וכל מיני השתדלות הראוי אצל המדינות שהם דרים בהם שלא יתנו יד לסייע בחילול מבחר קברינו. צולייגנדיג "כי בנפשנו הוא". דערמיט האָבן רבותינו הגאונים אַרויפגעלייגט אַ התחייבות אויף די אידן אין אייראָפּע, וועלכע זענען אין די אי.יו. לענדער צו שתדל'ען ביי אלע מדינות, וועלכע באַהאַנדלען יעצט אַ פאַרלאַנג וואָס ליטע רעגירונג האָט צו זיי אַריינגעגעבן צו שטיצן דעם קאנצערט האָל אין ווילנא בית החיים מיט דרייצן מיליאָן יוראָ. יעדע השתדלות אָפּצוהאַלטן די הילף, איז אַ הצלה פון ווילנער בית החיים.

צו די ווערטער פון בית דינו הצדק שרייבט צו כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאר שליט"א "גם אני מצטרף לדבריהם הברורים של הביד"צ שליט"א, על השמועה הנוראה... לחלל קדושת ביה"ח בווילנא... און דער רבי שליט"א רופט צו יעדן צו טון אלעס מעגליך צוריק צו באַקומען דעם גאַנצן בית החיים בשלימות "ובמר נפשי אקרא לכל מי שבידו להשתדל ולפעול להחזרת ביה"ח בשלימותו בכל גבולו..."

די עסקנים וועלכע האָבן באַזוכט ביי די ראשי הישיבות זיי צו פאַר'חתמ'ען אויפ'ן קול קורא דערציילן מיט התרגשות, אַז די באַרימטע זקני גדולי ראשי הישיבות, די גייסטיגע פירער פון די ריזיגע קהלות הקודש פון בני תורה קרייזן אויפ'ן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, האָבן נישט געקענט קומען צו זיך פון צער און ווייטאג הערנדיג פון די עסקנים אַז ווידעראַמאָל קומען אויף בייזוויליגע פלענער מחלל צו זיין דעם מקום קדוש ונורא.

אינעם קול קורא טוען זיי אָנדייטן אַז עס איז נישט שייך זיך צו פאַרגלייכן און מוותר צו זיין אויפ'ן חשבון פון די קדושה פון דעם בית החיים, דערמאַנענדיג די אגרות פון הגאון האדיר רבי חיים עוזר פון ווילנא, וכבר הרעיש בזה מרן הגרח"ע זי"ע באגרותיו הרבים שהריץ למען הצלת בית החיים דווילנא והכריע שאין מקום וסמכות להתפשר בזה כלל.

זיי רופן יעדן איד וועלכער האָט אַ וועג זאָל טון דערצו עס זאָל צוקומען צו די אויערן פון די ליטע רעגירונג "גודל כאב וזעקת כלל ישראל נוכח תכנית בזיון וחילול המקום הקדוש" אויסדריקנדיג אַז דער ווייטאָג איז גאָר אַ שטאַרקער "כי גדול הכאב מאוד". און מ'זאָל פון זיי פאַרלאנגען צוריקצושטעלן דעם בית החיים צום אַמאָליגן צושטאַנד. דער רבי שליט"א ענדיגט מיט אַ וואַרעמען ווינטש "ויבורכו מפי עליון העושים והמעשים". ויקויים הפסוק לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי."

ווי ס'איז שוין פאַרעפנטליכט געוואָרן אַ צייט צוריק האָבן עטליכע גדולי זקני ראשי הישיבות אין א"י וועלכע האָבן אַ גרויסן איינפלוס אויפ'ן עולם התורה גע'חתמ'עט אַ גאָר שאַרפן קול קורא איבער די גזירה נוראה פון באַנייען דעם ספּאָרט פּאַלאַץ אין ווילנא. די חותמים הגאונים רבי שמואל אויערבאַך, רבי מאיר הלוי סאלאווייטשיק מבריסק, רבי ישראל יצחק קאַלמאַנאָוויץ און הרב ראָטנבערג ראש ישיבת בית מאיר – שליט"א זענען אַרויס מיט אַ מעכטיגן איסור צו רירן דעם ווילנער בית החיים, און פאַרלאַנגט פון אַלע באטרעפנדע צוריקצוגעבן דעם גאַנצן בית החיים צום כלל ישראל.

ווי אויבנדערמאַנט האָט דער קאַמפּיין פון וועלט אידנטום און די אומבויגזאַמע שטעלונג פון גדולי ישראל אין א"י און אין חו"ל, געשטעלט די ליטע רעגירונג אין פאַרלעגנהייט, און זיי פּרובירן זיך צו באַהאַלטן אונטער לעכערליכע היתרים פון אידן, וואָס ס'גלויבט זיך נישט אַז ס'איז פאַרהאַן אַזעלכע אידן וואָס זענען גרייט צו צו לאָזן אַזא שרעקליכן בזיון הקודש, אין אַזאַ שרעקליכן פאַרנעם, וואָס טוט פאַרשוועכן דעם גאַנצן בית החיים און גורם זיין צער פאַר טויזנטער קדושי עליון. אויסער דעם איז דאָס שטעלן אַ "צלם בהיכל" געבן די מינדעסטע צושטימונג צו אַזאַ מערת פריצים אין אַזאַ וועלט באַרימטן היסטאָרישן מקום קדוש, אַ פירצה קוראה לגנב, וואָס וועט ח"ו עפענען די אויגן פאַר אַנדערע מדינות, נאָכצוטון דעם ביישפּיל אין אַנדערע סעמעטעריס, און אָנווייזן אַז התירו "פרושים" את הדבר, היל"ת.

די עסקנים פון די מערכה געבן איבער אַז עס גייט אָן אַ העפטיגער קאַמפּיין צו גרייכן עסקנים און שתדלנים אין קהלות הקודש אומעטום, צו פאַרברייטערן דעם איינפלוס און פאַרלאנג צו מערערע קרייזן און מדינות. און צו געבן צו פאַרשטיין פאַר די ליטע רעגירונג אַז דאָס גייט בנפשו פון כלל ישראל, וועלכע וועלן נישט רוען ביז די חרפה נוראה וועט אָפּגעטון ווערן, וחפץ ד' בידם יצלח.


## קורס מיוחד לבעלי תפילה




חזן יעקב יצחק ראזענפעלד

Limited Space Available • Call Now: 347-443-6991

# שטורמישע וואָך פון מחאות על גזירת הגיוס ווען מיליטערישע פּאָליציי פירן דורך אַרעסטן אינמיטן די נאַכט

[פּאָרזעצונג פון זייט 8]

מסכים זיין צו אַ קורצן טערמין אין מיליטער און זיך פטר'ן פון תפיסה, אָבער זיי האָבן אַרויסגעוויזן שטאַרקייט און עקשנות דקדושה.

מיט די אַרעסטן די וואָך זענען אַרויפגעשוואומען צום אויבערפלאַך נאָך פיל רדיפות וואָס ווערן געמאַכט קעגן הונדערטער בחורים און יונגעלייט וואָס שטעלן זיך נישט צו די רופן פונעם טריפה'נעם מיליטער, לאור די קריאת קדשם פון גדולי ישראל שליט"א וועלכע האָבן גע'פסק'עט אַז מ'טאר זיך אינגאַנצן נישט שטעלן צום מיליטער און זיך נישט וויסנדיג מאַכן פון זייערע רופן.

בפרט איצט אין די 'בין הזמנים' צייט האָבן עלטערן געמאָלדן פאַר די עסקנים וועגן מערערע איבערפאַלן פון די מיליטער אויף הייזער אינמיטן די נאַכט, ווען זיי קומען אָן אין אדרעסן פון בחורים וואָס האָבן נישט אויסגעפאָלגט די רופן און קומען זיך נישט שטעלן צום מיליטער, און זיי וועקן אויף די עלטערן מיט דעם גאַנצן הויז-געזינד און זיי סטראשען מיט'ן ערגסטן אויב דער בחור וועט נישט געטראָפן ווערן, און וועט זיך נישט קומען איבערגעבן אין זייערע הענט.

ליידער היינט צוטאָגס האַלט עס ביי דעם אַז יעדער בחור וואָס שטעלט זיך נישט נאָך צוויי דריי מאָל רופן, ווערט גלייך אָפּגעסטעמפּלט אַלס "עריק" – אַן אַנטלאָפּענער – און דאָס הייסט אַז טאמער מ'כאַפּט אים קען אים וואַרטן שווערע שטראָפן אַריינגערעכנט לענגערע טורמע טערמינען. שוין יעצט זענען פאַרהאַן פאַרשידענע צוימונגען פאַר אַן "עריק" ווי למשל, ער קען נישט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ער קען נישט אַרויסנעמען קיין מאָרגעדזש, ער קען נישט באַקומען קיין קינדער געלט, וכו'.

ווי געזאָגט אין מערערע פעלער ווען די מיליטערישע פּאָליציי זענען געקומען זוכן אין די הייזער בחורים וועלכע ווערן פאַררעכנט אַלס 'עריקים', זענען בניסי ניסים רוב פון די בחורים נישט געכאַפּט געוואָרן ווייל זיי האָבן זיך געגרייט דערויף, אָבער עטליכע זענען יאָ געכאַפּט געוואָרן און שטייען אויס גרויסע פּראָבלעמען, און ווי פאַרשטענדליך אַזעלכע פעולות זייען אָן אַ פחד און מורא אויף אַלע יונגע בחורים'לעך וועלכע דרייען זיך אַרום מיט אַ "צו מעצר" אין טאַש, און ציטערן פאַר וואָס די קומענדיגע מינוט וועט ברענגען.

היינטיגן מיטוואָך איז ווידער באַריכטעט געוואָרן אַז די מיליטער האָט אַרויסגעגעבן אַ הודעה אין נאָמען פון אַ הויכראַנגיגן אין מיליטער אַז די אַרעסטן וועלן ווייטער אנהאַלטן, און ווער עס וועט זיך נישט שטעלן וועט גלייך אַרעסטירט ווערן.

כלל ישראל האָפט און איז מתפלל אַז די רשעי ישראל זאָלן שוין איינזען אַז די גזירה איז אַ דורכגעפאלענע, און עס וועט מקוים ווערן דער פסוק לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, זיי זאָלן נישט האָבן קיין שליטה אויף קיין שום אידיש קינד, אכי"ר.

* * *

# פּאַרזיצער (ראש הקהל'טע) פון ווילנא אידישע געמיינדע זאָגט אָפּ דעם הויפּט רב צוליב זיין אומבויגזאַמע שטעלונג אין שניפּישעק ביה"ח

[פּאָרזעצונג פון זייט 9]

די שיקאַנירונגען מצד די רעגירונג קעגן דעם לאַנג יעריגן אָרטאָדאָקסישן רב, אַ מיטגליד אין "ווערידת רבני אייראָפּע" וועלכער דינט שוין פילע יאָרן די געמיינדע, ווערט געזען דורך די קהלה מעמבערס און דורך זאַך-קענער, ווי אַן אָפענע מלחמה וואָס די ראש-הקהל'טע האָט אונטערגענומען קעגן דעם רב הראשי, צוליב זיין אומבויגזאַמע שטעלונג אין די טעמע פון קברי ישראל, און אין אַנדערע ענינים פון אידישקייט.

עס איז שטאַרק בולט אַז די רדיפות זענען פילפאַכיג פאַרשטאַרקט די טעג נאָך זיין סטעיטמענט צו אסר'ן דעם געפלאנטן קאנצערט האָל אין שניפּישעק, און שפּעטער אפצושטעלן די שענדליכע חפירות אין מאַסן קבר אין שאַוועל, אויף וועלכע ער האָט באַקומען אַ שטיצע בריוו פון הרב פנחס גאָלדשמידט נשיא ווערידת רבני אייראָפּע. און דערפאַר האָט די רעגירונג זיך געוואַגט אונטערצונעמען אַזאַ אומדערהערטן שריט צו דעפּאָרטירן דעם הויפּט רב פון לאַנד, אַ זאַך וואָס זיי האָבן נישט געטון דורך די פילע יאָרן. וויסנדיג אַז זיי ערפילן דעם וואונטש פון די טשעיר-לעידי וועלכע דינט די אינטערעסן פון די רעגירונג, און אַרבעט צוזאַם מיט די פרייע און רעפאָרם אמעריקאנער אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען איינגעגאַנגען צום בייזוויליגן פלאַן פון ווילנער שטאָט ראַט צו באַראַבעווען דאָס אידישע פאָלק פון זייער טייערסטן פאַרבליבענעם אוצר, דער היסטאָרישער "שניפּישעק" בית החיים, אַרויסקומענדיג מיט אַ "פּלאַן" און דעטאַלירטע מאַפּע מיט קאָלירן, דורכדעם צו צעשניידן דעם טייערן באָדען פון שניפּישעק ביה"ח אויף עטליכע זאָנעס, און דורכדעם צונעמען פון בית החיים ריזיגע שטיקער און פאַרדעקן אויפ'ן פאַרברעכן.

עסקנים וועלכע זענען נאָענט צו די מערכות צו ראַטעווען די ליטע בתי חיים, זענען שטאַרק באַזאָרגט פון די פרעכע האַנדלונג פון די פאָרזיצערין וועלכע איז גאָר ווייט פון אידישקייט, וועלכע רופט אַרויס גרויס ווידער-ווילן ביי פילע מיטגלידער אין די אידישע קהלה, צוליב איר פרעכע האַנדלונג אין אידישקייט ענינים, איגנאָרירנדיג די חברי הקהלה, וואָס אַ וויכטיגער טייל פון זיי זענען שטאַרק פאַרבונדן מיט'ן רעספּעקטירן רב.

ס'גלויבט זיך קוים אַז ס'זענען פאַראַן אידן שומתומ"צ וועלכע דערקייקלען זיך צוצושטיין צו אַזאַ שרעקליכן טאַט, צו פּרובירן צו פייערן אַ רב בישראל, צוליב זיין מסירות נפש, צו פאָלגן דעם דעת תורה פון גדולי ישראל, און טון זיין פליכט צו שטיין על המשמר צו היטן דעם הייליגן ווילנער ביה"ח און די קברי הקדושים הי"ד.

די עסקנים באַראָטן זיך מיט גדולי ישראל און באַטראַכטן עטליכע אָפּציעס, להשיב מלחמה שערה צו פאַרמיידן דעם חילול השם און חילול הקודש, דער זכות פון די קדושים זאל ביישטיין, וקשתותם תשברנה.

